# יצחק-לייב פּרץ

## ר׳ יוחנן גבאי

### ( אַ מעשהלע)

מיד, אָנגעהאָרעוועט פֿון קהלישער אַרבעט, איז ר׳ יוחנן גבאי געקומען אַהיים. אין דער קיך איז אים שוין אַקעגנגעקומען דער ריח פֿון עסן, פֿונעם פֿלייש און די געקאָכטע עפּל. און ער איז שנעל געגאַנגען ווײַטער אין דעם צווייטן צימער אַרײַן, דאָרט האָט אים אָבער דאָס ווײַב זײַנס, סאָשע, נישט פֿרײַנטלעך אויפֿגענומען.

– בטלן! – האָט זי געשריגן מיט געבייזער ווי דער גבאי האָט זיך נאָר געוויזן אויף דער שוועל.

– וואָס בייזערסטו דיך אַזוי?– האָט זי דער גבאי געפֿרעגט, ווערנד ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בענקל אָפּרוען.

–ער פֿרעגט נאָך, וואָס איך בייזער מיך! תּמיד ביסטו פֿאַרנומען מיט קהל-זאַכן און ווסטו, בטלן, עפּעס טון פֿאַר דיר?

– פֿאַר מיר? – האָט זיך דער גבאי געוווּנדערט – וואָס האָב איך דען פֿאַר מיר צו טון? אונדזערע קינדער זענען שוין, ברוך-השם, זעלבסטשטענדיקע מענטשן און אונדז אַליין, דאַכט זיך, פֿעלט אויך גאָרנישט... און וואָס האָב איך צו טון? – אַרומקוקנדיק זיך אין שטוב, גיט ער נאָך צו: דאָס בעט זע איך צוגעבעט אָן מיר, די כּלים זענען אויסגעפּוצט אָן מײַן הילף; די ווענט האָב איך אַפֿילו נישט אָנגערירט און איך זע דאָך נישט אויף זיי קיין פּיצל שפּינוועבס. דער טיש איז שוין צוגעגרייט. דאָס טישטעך איז ווײַס ווי שניי, די גאָפּל-מעסער און די לעפֿל בלישטשען ווי גאָלד. איך זע אויך אַ געמאַכטן רעטעך, אַ ביסל געריבענעם כריין, אַ פֿלעשל בראָנפֿן...

– הער שוין אויף מיט דײַנע גריימען און גיי דיך בעסער וואַשן!

– ניין, סאָשע, איך וועל מיך נישט פֿריִער גיין וואַשן, ביז דו וועסט נישט אַליין מודה זייַן, אַז איך בין גערעכט. דאָ אין דער היים האָב איך גאָרנישט וואָס צו טון, אָבער דאָרט אין דעם בית-מדרש האָב איך אַ סך צו טון, ווייַל ווער וועט זיך דערמאָנען אָפּגעבן, אַז נישט איך? אפֿשר יאָסקע קרעמער, וואָס האָט נישט קיין מאָל קיין צייַט אַפֿילו צו עסן? צי אפֿשר יחיאל דער דאָרפֿגייער, וואָס גייט אַוועק פֿון דער היים שבת-צו-נאַכטס תּיכּף נאָך הבֿדלה און קומט אַהיים ערשט פֿרייַטיק אין דער שפּעט? צי אפֿשר ראובֿן פּראָצענטניק, וואָס לויפֿט זיך אָן אַ גאַנצן טאָג צווישן די אָרעמע לייַט, צוזאַמענצונעמען די עטלעכע זעקסערלעך פּראָצענט? אָדער אפֿשר איינער פֿון די אָרעמע בעלי-מלאָכות, וואָס מוזן נעבעך שווער און ביטער אַרבעטן אויף פּרנסה?

– לאָמיך שוין געמאַך! איך בין שוין נישט בייז...

– שאַדט נישט. איך ווייס, אַז דו ביסט שוין נישט בייז. איך וויל דיר נאָך באַווייַזן, אַז איך טו פֿאַר מייַנעטוועגן אויך. אָט קוק, סאָשע, קוק אָן מייַן ווייַסע באָרד און פּאות! מיין נישט, אַז איך בין נאָך אַ יונגער מענטש. מען מוז זיך שוין טאַקע אָנגרייטן אין וועג אַרייַן...

– אין וועג אַרייַן? וואָס פֿאַר אַ וועג? – פֿרעגט סאָשע פֿאַרוווּנדערט. זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, וואָס ער מיינט און האָט אויסגערופֿן מיט שרעק: חס-ושלום! חס-ושלום! רעד נישט, רעד נישט! אַל תּפֿתּח פה לשׂטן!

– האָב נישט קיין מורא, סאָשע. דו ביסט שוין אויך עלטער פֿון 20 יאָר... און וואָס וועלן מיר טון, אַז מען וועט אונדז דאָרט פֿרעגן, וואָס מיר האָבן אַזוינס געטון אויף דער וועלט? וואָס וועלן מיר אויף דעם ענטפֿערן? אפֿשר וועלן מיר זאָגן, אַז מיר האָבן דאָ געגעסן און געטרונקען? און וואָס וועט דער אייבערשטער זאָגן? דו, למשל, וועסט דיך נאָך קענען באַרימען, אַז דו האָסט עוסק געווען מיט הכנסת-כּלה...

– זייַ שטיל!–בעט זיך סאָשע. זי האָט מורא, עס וועט איר שאַטן צום שׂכר אויף יענער וועלט.

– איבער דעם וויל איך אויך טון עפּעס גוטס...

– זייער גוט, זייער גוט. טו ווי דו ווילסט. גיי דיך נאָר וואַשן...

– נאָך עפּעס – זאָגט דער גבאי ווײַטער – געדענקסט נאָך, סאָשע, דאָס זײַדענע חופּה-קלייד דײַנס מיט די זילבערנע פּאַסן?

– צי איך געדענק!

– אפשר וואָלסטו עס געגעבן אויף אַ פּרוכת?

– זייער גוט. איך גיי שוין...

– וואַרט, סאָשע-לעבן, איך האָב עס שוין אַליין גענומען. עס הענגט שוין אויפֿן אָרון-קודש!

– גנבֿ! – שמייכלט סאָשע.

אַצינד ערשט גייט זיך ר׳ יוחנן וואַשן און עסן מיט אַפּעטיט. בענטשט און גייט שלאָפֿן.

---

ר׳ יוחנן גבאי איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן, און זײַן נשמה איז געפֿלויגן אין הימל אַרײַן, און האָט דאָרט אײַנגעשריבן אינעם בוך צווישן די מצוות:

"איך, יוחנן בן-שׂרה, האָב געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג אַ הייליקע אַרבעט, איך האָב מיר אין זין געהאַט: איך און מײַן ווײַב סאָשע זיצן אין אַ שיין הויז, בשעת גאָטס הויז, דאָס הייליקע בית-מדרש, איז בוי-פֿעליק און באַדאַרף אַ רעפּאַראַציע. איך האָב איבער דעם גערעדט מיט די בעלי-מלאכות, דאָס הויז צו רעפּאַרירן. הײַנט האָט מען אויך געבראַכט צוויי נײַע בענק און אַ נײַעם טיש. איך האָב אויך געהייסן רייניקן די פּאָדלאָגע, די ווענט און אַלע כּלי-קודש. איך האָב אויך אַנידערגעשטעלט אַ נײַעם לײַכטער פֿאַרן עמוד בײַ דער מזרח-וואַנט. אויף דעם איז געווען אין דער קאַסע בסך-הכּל 300 גילדן, דאָס איבעריקע האָב איך געמוזט דערלייגן פֿון מײַן קעשענע – 45 גילדן מיט 18 גרושן. אויפֿן חשבון פֿון מײַן ווײַב סאָשע האָב איך געלאָזט מאַכן דאָס זײַדענע פּרוכת, חוץ הכּנסת-כּלה, וואָס זי באַשעפֿטיקט זיך דערמיט. גאָט זאָל עס איר געדענקן צום גוטן! אין

בית-מדרש איז אַלצדינג געענדיקט געוואָרן גאַנץ גוט. און איך האָב אָנגעזאָגט דעם שמש, ער זאָל, חלילה וחלילה, נישט מער אַרײַנלאָזן קיינעם נעכטיקן אין בית-מדרש, גאָטס הויז זאָל נישט מער זײַן קיין שלאָפֿשטוב פֿאַר ״אָרחי-פּרחי״. ער זאָל געדענקן צו פֿאַרשליסן בײַנאַכט דאָס בית-מדרש״...

ר׳ יוחנן גבאיס נשמה האָט נאָך אַלץ געשריבן, איז געקומען צו פֿליִען אַן אַנדערע נשמה און האָט אײַנגעשריבן אין איר בוך די דאָזיקע ווערטער:

״איך, בערל בן-יהודית, בין שוין אַ זיבעציקער. אַזוי לאַנג ווי איך האָב נאָר געהאַט כּוח, האָב איך געאַרבעט אויף פּרנסה. ווי איך בין אָבער אַלט געוואָרן און האָב פֿאַרלוירן דעם כּוח, האָב איך שוין מער נישט געקענט פֿאַרדינען, און האָב געמוזט אָנהייבן גיין אין די הײַזער. תּחילת איז מיר אַפֿילו נישט שלעכט געווען. איך האָב שטענדיק געהאַט צו עסן. די בעל-הבתּים האָבן מיך גוט געקענט און האָבן מיך געשטיצט. לאַנגזאַם בין איך זיי אָבער נימאס געוואָרן, און מען האָט מיר שוין זעלטענער דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט! מאַנכעס מאָל – אַ טרוקנס, וואָס איך האָב עס אַפֿילו נישט געקענט צעקײַען, ווײַל איך האָב נישט מער קיין ציין...איך האָב אײַנגעזען, אַז איך וועל מוזן אין מײַן שטאָט שטאַרבן פֿאַר הונגער, האָב איך מיך אַוועקגעלאָזט פֿון מײַן שטאָט און בין דאָ אַהערגעקומען. די קעלט איז געווען זייער גרויס, און איך האָב געוואָלט גיין אין בית-מדרש אַרײַן נעכטיקן, אַזוי ווי מען איז זיך געוויינטלעך נוהג בײַ ייִדן. דער שמש האָט אָבער פֿאַרשלאָסן די טיר, און האָט מיך נישט אַרײַנגעלאָזט. דער גבאי האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל נישט לאָזן קיינעם נעכטיקן אין בית-מדרש, גאָטס הויז זאָל נישט ווערן קיין אַכסניא...אַצינד שלאָף איך אויף דעם גאַס און די קעלט פֿרעסט מיר אַרויס דעם מאַרך פֿון די אַלטע פֿאַרדאַרטע ביינער מײַנע. איך בין הונגעריק און עס איז מיר שרעקלעך קאַלט...פֿרעג איך דיך, רבונו של עולם, ווער באַדאַרף גיכער האָבן דאָס בית-מדרש, דו אָדער איך?״

---

און עס איז אַרויס אַ בת-קול פֿון הימל: ״רופֿט ביידע צום בית-דין של מעלה!״

און צומאָרגנס אין דער פֿרי האָט מען געפֿונען טויט: דעם גבאי ר׳ יוחנן בײַ זיך אין דער היים אויפֿן בעט; און אַן אַלטן אָרעמאַן – געפֿרוירן אויף דער גאַס נעבן דעם בית-מדרש...

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון משה פֿעלער, לעאָנאַרד פּראַגער, נח מילער און רפֿאל פֿינקל.

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager

All Rights Reserved